Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 208 | Łódź, Wtorek, 4 września 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, כד אלול תרצ״ד | № 208

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# סטאביליזירען די וואלוטעס

## דאס וועט ברענגען צו נארמאלע האנדעלס=בעציהונגען צווישען די פעלקער

## ראפארט פון עקאנאמישען קאמיטעט ביי דער פעלקער=ליגע

גענף, 3 (ספ. טעל.)

היינט איז פערעפנטליכט געווארען דער טעקסט פון ראפארט פון עקאנאמישען קאמיטעט ביי דער פעלקער-ליגע.

אינם ראפארט פעראורטיילט דער עקאנאמישער קאמיטעט דעם ווירטשאפטליכען נאציאנאליזם, וועלכער האט א שעדליכען איינפלוס.

אין דער ענקעטע צום ראפארט דריקט אויס דער סעקרעטאריאט פון דער פעלקער-ליגע זיין איבערצייגונג, אז דאס איינשטעלען נארמאלע האנדעלס=בעציהונגען צווישען די פעלקער, וועט ערשט קאנען געשעהען דאן, ווען די וואלוטעס וועלען זיין סטאביליזירט און עס וועלען אויפהערען זיך וואקלען די פרייזען פון די סחורות.

## איטאליען שטיצט דעם אריינטריט פון די סאוויעטען איז פעלקער=ליגע

פאריז, 3 (ספ. טעל.)

דער רוימישער קארעספאנדענט פון „מאטען“ שרייבט, אז עס בעשטעטיגט זיך אפיציעל, אז איטאליען שטיצט דעם אריינטריט פון די סאוויעטען אין דער פעלקער-ליגע. איטאליען איז דאך געווען די ערשטע, וועלכע האט אין יאהר 1923 אנערקענט די סאוויעטען.

## בעגלייטען די אונטערהאנדלונגען וועגען די מזרח=כינעזישע באהן

טאקיא, 3 (ספ. טעל.) דער יאפאנישער פרעמיער אדמיראל אקאדא האט ערקלערט, אז מען דארף דערווארטען דאס בעגלייטען, גאר בקרוב, די סאוויעטיש-מאנדזשורישע אונטערהאנדלונגען וועגען פערקויפען די מזרח-כינעזישע באהן.

די זעלבע ערקלערונגען האט אויך געגעבען דער יאפאנישער אויסערן-מיניסטער הירא_א.

## אנ׳ערדציטערניש אין יאפאן

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

פון טאקיא איז מען מודיע, אז אין דער יאפאנישער הויפט-שטאט און אין יאקאהאמא זענען בעמערקט געווארען גרויסע ערד-ציטערנישן. הגם עס זענען קיין גרויסע שאדענס נישט געווען, איז אבער פארט צווישען די איינוואוינער אויסגעבראכען א פאניק. גראד איז אויך בעמערקט געווען דער יאהר-טאג פון דער שרעקליכער ערד-ציטערניש אין יאהר 1923.

24טער ימים=נוראים איז זאל „פילהארמאניע“ נארוטאוויטשא 20

ראש השנה ויום כפור וועט דאווענען אין זאל פילהארמאניע דער פענאמענאלער אויבער-קאנטאר

ה׳ ד. קוסעוויצקי

וועלכער פערמאגט א אויסערגעוויינליכע שהנע שטארקע לירישע טענאר=שטימע מיט זעהר א הערליכער קאלאראטור בעגלייטען וועט איהם א גוט=איינשטודירטער כאר פון 40 פערזאן, אונטער דער לייטונג פון קאמפאזיטאר ה׳ י. רובין. בילעטען שוין צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע פון 9 פריה ביז 8 אווענד. די מתפללים פון פילהארמאניע ערווארטעט די ימים=נוראים אנ׳אמת׳ער עונג רוחני. די פרייזען פון די בילעטען זענען ערמעסיגט! מתפללים קומט און איבערצייגט אייך!

בעמערקונג: די געלדער פון די נדרים ונדבות ביי די עליות איז בעשטימט לטובת „קרן קימת לישראל“.

בעקאנטמאכונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז אין לאקאל פון

„הפועל המזרחי“

נארוטאוויטשא 7

ווערט געדאווענט די ימים נוראים מיט דעם בעוואוסטען זיסען בעל-מנגן ה׳

יצחק ארענדארטשיק

בילעטען צו בעקומען אין קאנצעלאריע א גאנצען טאג. 3272

לשמוע אל הרנה ואל התפלה!

אזוי ווי אלע יאהר, ווערט אויך דאס יאהר געדאווענט אין דעם היגיענישען ליכטיגען זאל

10 פאלודניאווא 10

מיט דעם בעריהמטען חזן

בנימין קיהן

מיט א כאר.

פערזעהט אייך מיט פלעצער!

אינהאבער: ד. פרידוואלד

יודישע פליישער און קאנסומענטען היט אייך פאר נבלות וטריפות!

די ארומטרעגער-צרה הערט נאך אלץ נישט אויף. אומגערן ווערען מאנכע קצבים נכשל, קויפענדיג גריישען און ד.ג. ביי אונפעראנטווארטליכע פערשוינען.

אייגע פון די הויפט-פערשפרייטערינס פון נבלות וטרפות איז

רבקה ראזענצווייג

(ראזבעלעס פרוי) פון רזשגאווסקא 80

יודען, זייט געווארענט!

ועד הרבנים לעדת לאדז.

ב׳ נצבים, תרצ״ד

צענטר. יודישער האנדווערקער און קליינאינדוסטריעלער פערבאנד אין דער לאדזער וואיעוואודזשטווע. פילסודסקיעגא 69 פריהער פאלודניאווע 4

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

מיר מאכען בעקאנט, אז אזוי ווי אלע יאהר ווערט אויך הייאהר ביי אונז געדאווענט די ימים נוראים.

דאס דאווענען קומט פאר אין א ניי פריש-רעמאנטירטען לאקאל אויפ׳ן ערשטען שטאק. מיט ערשטקלאסיגע חזנים און א גוט איינשטודירטע כאר.

דער בילעטען-פערקויף קומט פאר טעגליך פון 10 ביז 2 און פון 5 ביז 9 אווענד

דער קאמיטעט.

ווילט איהר ווינשען א גוט יאהר

אייערע עלטערן, שוועסטער, ברידער קרובים, פריינד און בעקאנטע אין לאדז און אנדערע שטעט אין פוילען, ווי אויך אין אויסלאנד: פעראייג. שטאטען פון אמעריקע, פאלעסטינע, פראנקרייך, בעלגיע, רוסלאנד, ארגענטינע, קאנאדע און אנד. לענדער דארפט איהר נישט ווארטען אויף דער לעצטער מינוט און בעשטעלען

א גראטולאציע אויף ראש-השנה

נאר אין

„נייעם פאלקסבלאט“

די פרייזען זענען היי-יאהר זעהר צוגענגליכע.

אדמיניסטראציע „נייער פאלקסבלאט“

פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71.

צו די ה״ה גנבים!

אזוי ווי מען האט מיר נעכטען ארויסגענומען פון קאנטאר לעגאוויצקא 31, 4 חובות-ביכלעך, וועלכע האבען פאר קיינעם קיין ווערט, בעט איך געגען גרויסער בעלוינונג זיך פערשטענדיגען טעלעפאניש 177-64 דיסקרעציע געזיכערט. 3274

Dr. med. G.GERSZTAJN

ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

Traugutta 12, tel. 175-10.

נעהמט אן פון 11–1 און פון 7–8 אוו.

Dr. A. Mazur

האלז, נאז און אויערן-קראנקהייטען

פילסודסקיעגא 65

טעל. 166-01

צוריקגעקעהרט.

Dr. med. Leon Familier

איבערליכע און קינדער-קראנקהייטען

האט זיך איבערגעצויגען אויף

שערפיען 37 (בענעדיקטא) 6.

נעהמט אן פון 5–7 נאכמ.

DR. Szymon Grinberg

(ארדינירט זומער אין ווישניאווא-גורא)

צוריקגעקעהרט

פילסודסקיעגא 55. טעל. 168-58.

נעמט אן פון 5—3.

